ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# שבט מוסר

# דברים

אידיש

**544**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# שלשה וארבעים

## • דברים •

אין דעם פרק וועט אַרומגערעדט ווערן קעגן די וועלכע רעדן דברים בטלים און ניבול פה, און די סיבות וועלכע ברענגען דערצו.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

# אינהאַלט

## פון דריי און פערציגסטער פרק

א. יעדער דיבור האָט אין זיך דעם שם הוי"ה, און דער וועלכער רעדט ניבול פה און דאָס גלייכן נעמט אין דעם אַריין דעם שם הוי"ה און נעמט אַריין די קדושה אין די טומאה - עטליכע רמזים אין פסוקים און אין ווערטער פון חז"ל וועגן דער זאַך.........................................................ג

❖ ❖ ❖

# פרק שלשה וארבעים

**א. יוצר האדם,** השם יתברך, וואָס באַשאַפט דעם מענטש, און גיט אין אים אַריין זיין שכל, וואָס ער האָט מיר געלייטזעליגט צו שרייבן אין דעם פריערדיגן פרק, וועגן דעם ענין פון רעדן, אַז בכדי צו באַקומען חכמה דאַרף דער מענטש ווייניג רעדן. וועל איך שרייבן אין דעם דאָזיגן פרק, ווי ווייט עס דערגרייכט דער פגם פון דברים בטלים, און בפרט ניבול פה, ווי איך האָב געזען אַ שלעכטע זאַך ביי פיל מענטשן, אַז זיי ווערן נכשל אין הוצאת זרע לבטלה דורך דעם וואָס זיי רעדן ניבול פה כדי די צוהערער זאָלן לאַכן, און די צוהערער לאַכן מיט דעם פולן מויל. און דאָס איז זיכער אַז פונקט ווי מען שטראָפט דעם וואָס רעדט די ניבול פה, שטראָפט מען אויך די וואָס הערן זיך צו און לאַכן, ווייל, ווען זיי זאָלן נישט האָבן קיין הנאה דערפון וואָלט ער נישט גערעדט.

**יעדער דיבור האָט אין זיך דעם שם הוי״ה, און דער וועלכער רעדט ניבול פה און דאָס גלייכן נעמט אין דעם אַריין דעם שם הוי״ה און נעמט אַריין די קדושה אין די טומאה – עטליכע רמזים אין פסוקים און אין ווערטער פון חז״ל וועגן דער זאַך.**

**ב. וכדי,** און כדי איר זאָלט וויסן ווי גרויס דער פגם פון ניבול פה איז, וועל איך שרייבן וואָס איך האָב געהערט פון מיין רבי'ן, אַז אין דעם מענטשן זענען מרומז די אויבערשטע וועלטן, און אין יעדן וואָרט וואָס דער מענטש רעדט אַרויס פון מויל איז דאָ אין דעם דער שם הוי״ה. איז פון דעם קלאָר די גרויסע שטראָף קעגן דעם וואָס רעדט ניבול פה, אָדער דברים בטלים, אַז אין די טמא'דיגע ווערטער ליגט דער שם הוי״ה. און דאָס איז דער טעם וואָס אונזערע

חכמים ז"ל האָבן געזאָגט, אַז פיר כיתות (גרופעס) וועלן נישט זוכה זיין צו זען די שכינה, און זיי זענען:

**א)** די כתה וואָס זאָגן ליגן.

**ב)** די כתה וואָס חנפ'ענען מענטשן.

**ג)** די וועלכע טשעפּען מענטשן.

**ד)** די וועלכע רעדן לשון הרע.

**דקשה,** שטעלט זיך דאָך די פראַגע, עס איז דאָך זיכער דאָ פיל האַרבערע עבירות פון די פיר, און די חכמים זאָגן נישט אַז דער וואָס טוט זיי וועט נישט זוכה זיין צו זען די שכינה.

**אמנם,** אָבער לויט דעם וואָס מיר האָבן פריער געזאָגט, איז דער תירוץ קלאָר. אַז מיט יעדן וואָרט וואָס דער מענטש רעדט איז ער מצרף דעם שם הוי"ה, און די פיר כתות זינדיגן מיט זייער רעדן, ווייל פאַלשקייט און חנופה און ליצנות און לשון הרע איז אַלץ דורך רעדן, דעריבער זענען זיי נישט זוכה צו זען די שכינה.

**ג. כלל,** דער כלל איז, אַז דער וועלכער רעדט דברים בטלים, און מכל שכן ניבול פה, ברענגט ער די קדושה אַריין אין דער טומאה, און ווייל דריי זאַכן זענען גורם דעם מענטשן צו רעדן אַ סך, דאָס זענען קנאה און תאוה און כבוד, ווייל דער וועלכער האָט אין זיך די מדה פון קנאה, הערט ער קיינמאָל נישט אויף צו רעדן לשון הרע, און דאָס זעלבע דער וועלכער גלוסט אַלץ, בכדי ער זאָל קענען גרייכן זיין גלוסטיקייט, מוז ער זייער פיל רעדן מיט יעדן מענטשן, טאָמער וועט ער ביי זיי דערגרייכן דאָס וואָס זיין האַרץ גלוסט. און דאָס זעלבע דער וועלכער יאָגט זיך נאָך כבוד, דער רעדט נישט אין דעם שבח פון קיין שום מענטשן, ווייל, ער וויל מענטשן זאָלן אים האַלטן גרעסער פון אַלע אַנדערע מענטשן. ער מאַכט אָבער אַ טעות, ווייל, לויט אים האָט קיינער נישט קיין גוטע מדות און קיין חכמה, נאָר ער אַליין, אויב אַזוי

פאַר וועמען וועט ער ווייזן זיין פיל חכמה און זיינע גוטע מדות. דאָס איז דאָך גלייך ווי ער וואָלט זיצן צווישן בהמות, און זיך מאַכן פיין און שיין, כדי זיי זאָלן אים אָפגעבן כבוד, איז דאָך נישטאָ קיין גרעסערע נאַרישקייט דערפון.

**ועל,** און אויף דעם זאָגט דער תנא "**איזהו מכובד המכבד את הבריות**", ווער איז אַ מענטש אַ מכובד, דער וועלכער איז מכבד מענטשן. ווייל, ווען ער איז זיי מכבד, און מאַכט זיי גרויס, און זיי זענען אים מכבד, קריגט ער דעם כבוד פון חשוב'ע מענטשן. אָבער דער וועלכער לאַכט אָפּ פון יעדען, איז אַפילו אויב מענטשן גיבן אים אָפּ כבוד, קען ער דורך זיי נישט ווערן קיין איש מכובד, ווייל דער כבוד קומט אים פון נידעריגע און פראָסטע מענטשן, און פון אַזעלכע וואָס האָבן קיין שכל נישט, ווי ער אַליין זאָגט עדות אויף זיי. און אַז דער וואָס וויל כבוד וועט זיך אַריינטראַכטן אין דעם, וועט נעמען מוסר דערפון.

**ד. גם,** אויך זאָל ער שטעלן קעגן זיינע אויגן, דער וואָס פאַרשעמט דעם וואָס איז נישט אַזוי קלוג ווי ער, זאָל ער איבערטראַכטן דאָס פריער געזאָגטע, און זאָל זיך אויך זאָגן, פאַרוואָס פאַרשעם איך דעם וועלכן איז נישט אַזוי קלוג ווי איך. ווייל איך דען אַז דער גרעסערער חכם פון מיר זאָל מיך פאַרשעמען? דעריבער זאָל דער מענטש נאָר לויבן השם יתברך, וואָס אויף דער וועלט זענען פאַראַן מענטשן וועלכע זענען קלענערע חכמים פון אים, און דורך דעם ווערט דערקענט זיין שכל און זיין פאַרשטאַנד, ווייל ווען אַלע מענטשן זאָלן זיין גלייך אין וויסנשאַפט, און אין חכמה – קעגן וועמען וואָלט זיך דער חכם געקענט באַרימען מיט זיין גרויסן שכל, און ווי אַזוי וואָלט מען אָפּגעטיילט צווישן דעם חכם און דעם נאַר, כדי צו לויבן השם יתברך "**ברוך שחלק מחכמתו**", געלויבט איז ער וואָס האָט אָפּגעטיילט פון זיין חכמה צו זיינע פאָרכטיגע.

**ה. והרודף,** און דער וועלכער יאָגט זיך נאָך קנאה און תאוה, זאָל ער טראַכטן אַזוי, פונקט ווי עס איז נישט מעגלעך אַז אַ מילב זאָל זיך שלאָגן מיט אַ לייב, און אַז אַ העלפאַנט זאָל אַריינגיין אין אַ לעכל פון אַ נאָדל, אַזוי איז נישט מעגלעך אַז דער מענטש זאָל גרייכן אַ זאַך וואָס איז נישט דער ווילן פון השם יתברך, און דעריבער, פאַרוואָס זאָל זיך דער מענטש אָנשטרענגען צו פאַרברענגען זיין צייט אין נאַרישקייט, צו זוכן אַזעלכע זאַכן וואָס איז אים נישט באַשערט. ער וועט דאָך פאַרברענגען זיינע טעג אין מידקייט און טרויעריקייט, און עס וועט אים נישט ברענגען קיין שמחה און קיין פרייד, און דאָס וועט אים אָפּקערן פון דינען השם יתברך. עס איז דאָך בעסער פאַר אים, ער זאָל זיך פרייען דערמיט וואָס השם יתברך באַשערט אים, און אויב עס איז נגזר געוואָרן אויף אים עפּעס גוטס, וועט עס ממילא קומען. ממילא וועט ער זיך פרייען מיט דעם וואָס ער האָט, און דינען זיין באַשעפער מיט זיין גאַנצע כוונה, און זיין דעה וועט שטענדיג זיין מיושב.

**וכל,** און דער וואָס איז זיך מטריח צו דערגרייכן אַ זאַך וואָס פאַר אים איז נישט באַשערט פון הימל, איז גלייך צו אַ קינד וואָס וויל כאַפּן זיין שאָטן. און אַז דער מענטש זעהט, אַז ער האָט זיך מטריח געוועזן אויף אַ זאַך און האָט עס נישט באַקומען, פאַרוואָס זאָל ער זיך דעם אַנדערן טאָג נאָכאַמאָל דערויף מטריח זיין. ווייל ער דאַרף טראַכטן, וויבאַלד איך האָב מיך דערויף מטריח געוועזן און נישט באַקומען, מן הסתם האָט מען פון הימל אַזוי גוזר געוועזן, פאַרוואָס זאָל איך פאַרברענגען מיינע טעג און יאָרן אין קרעכצן, עס איז מיר בעסער זיך צו פרייען מיט מיין חלק, און דורך דעם וועל איך מיינע טעג אויס לעבן מיט זיסקייט און גרייכן די וועלט וואָס איז אין גאַנצן גוט, דאָס איז עולם הבא, אמן.

❀ ❀ ❀

## הוספה

## ניבול פה - מיאוס'ע רייד

**א)** דורך די עבירה פון רעדן מיאוס'ע רייד קומען א סאך נייע שווערע צרות ל"ע, אפילו דער וואס מען האט אים פארחתמ'עט זיינע זיבעציג יאר צום גוטן, דרייט מען אים איבער צום שלעכטן, און מען מאכט פאר אים טיפער דעם גיהנם, יונגע מענטשן שטארבן און לאָזן איבער אלמנות און יתומים. דאָס זעלבע פאַסירט פאַר'ן צוהערער אויב ער שווייגט און רעאַגירט גאָרנישט (שבת לג.).

**ב)** קיין שום מיאוס'ע זאכן טאָר מען נישט רעדן (ספר היראה, מסלת ישרים פרק י"א) און אפילו אַזאַ וואָרט וואָס ווערט באַנוצט אויף כשר'ע זאַכן און נישט כשר'ע זאָל מען נישט דערמאָנען. (ליקוטי הלק"ט ר"י חאגיז קנ"ט).

**ג)** די ספרים שרייבן אַז לויט די איידלקייט פון אַ מענטשנ'ס שפּראַך דערקענט מען וואָס עס טוט זיך ביי אים אין האַרץ, דאָס קען מען אויך זען אין דער פּראַקטיק טאָג טעגליך אַז ביי פיינע איידעלע מענטשן הערט מען נישט קיין אוממאָראַלישע ווערטער.

**ד)** ניבול פה סיי רעדן סיי הערן ברענגט מ'זאָל עובר זיין די האַרבסטע עבירות וואָס דער שטראָף אויף זיי איז אַז זייערע קינדער שטאַרבען ל"ע יונג אָדער זיי וואַקסען רשעים און זיי ווערן אָרעמעלייט. (קש"ע קנ"ע ס"א).

**ה)** דער חפץ חיים איז מאריך און ערקלערט אַז ניבול פה, רעדן מיאוס'ע זאַכן, איז אַ טירל וואָס פירט אַריין עובר צו זיין עבירות. מיר וועלן ציטירן זיינע טייערע רייד אין ספר נדחי ישראל (פרק כ'), וואו ער שרייבט פאָלגענד:

**זאָלסט** וויסן אַז עס איז דאָ נאָך אַ סיבה וואס ברענגט דעם מענטש אַז עבירות זאָלן זיין הפקר ביי אים, דאָס איז דורך "ניבול

פה״, ווי עס איז באַוואוסט אַז בושה, די מדה וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין אידישן פאָלק ביים באַרג סיני, ברענגט צו יראת ה׳.

**און** דערפאַר ווען דער יצר הרע וויל מאַכן דעם מענטש זינדיגן, געוואוינט ער אים קודם צום איסור ניבול פה, כדי אַוועקצושטויסן פון אים די מדה פון בושה, און דורכדעם האָט ער שוין אַ לייכט פעלד אים צו מאַכן דערנאָך זינדיגן.

**די** זינד פון רעדן מיאוסע רייד איז פאַר זיך אויך זייער גרויס, ווייל עס איז מטמא און טוט פאַראומווערדיגן די נשמה, און די גמרא זאָגט (שבת ל״ב) אַז די שטראָף איז אַז אויב ער איז שוין געווען אָנגעשריבן צו זיבעציג גוטע יאָר, דרייט מען עס איבער צום שלעכטן, און דורך די זינד שטאַרבן יונגע מענטשן און גרויסע צרות און שווערע גזירות רח״ל באַנייען זיך.

**נאָך** שרייבט דער הייליגער חפץ חיים זצ״ל: עס איז באַוואוסט וואָס די ספרים שרייבן אַז דורך די זינד וואָס מען איז מטמא דאָס מויל, אַלע הייליגע רייד וואָס מען רעדט דערנאָך, צום ביישפיל, קריאת שמע, שמונה עשרה, ברכות, ווערן נישט אָנגענומען אין הימל אויסער אויב מען טוט תשובה.

**ליידער,** ביי אַ סאַך פאַבריקן געפינט זיך די עבירה. דערפאַר, אַ טאַטע וואָס וויל זיך דערבאַרימען אויף זיין זוהן און טאָכטער, זאָל ער זיך זייער דערווייטערן נישט איבערצוגעבן זיי אַהין (אין אַזאַ פאַבריק), ווייל דער שטייגער פון אַ מענטש איז זיך אַראָפּצולערנען פון די מענטשן וואָס ער איז געוואוינט מיט זיי, און דאָס ברענגט גרויסע שטרויכלונגען. (אַזוי שרייבט דער חפץ חיים זצ״ל).

**ו)** די ווערטער פון חפץ חיים זצ״ל רעדן פאַר זיך ווי ווייט מען דאַרף אַכטונג צו געבן אויף זיך, אויף די בני בית און אויך אויף די קינדער, ווער זייער חברותא איז. ס׳איז נישט קיין חילוק צי דאָס איז ביי

די אַרבעט, אָדער אין חדר און דאָס גלייכן. בפרט פון אַזעלכע וואָס רעדן ניבול פה וואָס איז גלייכצייטיג אַ באַווייז אַז זיי זענען שוואַך מאָראַליש אויך, וואָס דאָס קען ח"ו צופירן צום ערגסטן.

ז) עס איז אַ חיוב אויף יעדע טאַטע און מאַמע צו רעדן מיט די קינדער און פראָבירען אַרויסבאַקומען פון זיי אויב עס איז דאָ קינדער אין חדר וועלכע רעדן מיאוסע רייד, ווייל דאָס קען שטאַרק שעדיגן די נשמה פון די אומשולדיגע איידעלע קינדער, און עס ווייזט גלייכצייטיג אַז די קינדער זענען נישט אין אָרדענונג און מ'דאַרף אָננעמען שריט צו דערווייטערן די קינדער פון אַזאַ חברותא.

ח) אַפילו אויב אַ יונגערמאַן אָדער פרוי זענען זיכער אַז זיי וועלן נישט איבערגענומען ווערן פון דעם וואָס זיי הערן, אָבער דער עצם הערן ניבול פה איז אויך אסור און איר שטראָף איז זייער גרויס. דעריבער דאָרט וואו עס ווערט גערעדט אָדער געהערט ניוול פה טאָר מען נישט זיין.

ט) עס איז די אויפגאַבע און אחריות פון די בעלי בתים פון פאַבריק אויב ער ווייסט פון אַרבעטער גוי'שע אָדער להבדיל אידישע וועלכע רעדן ניוול פה, זיי צו סטראַשען מיט אַוועקשיקן, ווייל אויב נישט גייט די זינד מיט די שטראָף אַריבער אויף זיי, ווייל זיי האָבן דעם בייטש אין די הענט. (רמב"ם הלכות תשובה פ"ד ה"א, או"ח סימן תר"ת במ"א).

י) די אַרבעטער האָבן די אויפגאַבע מודיע צו זיין די בעלי בתים און בעטן זיי זאָלן עס אָפּשטעלן (עפ"י הנ"ל).

יא) דער מסילת ישרים שרייבט (פרק י"א, בא"ד ואם לחשן) אויב איינער וועט דיר וועלן זאָגן אַז דער איסור פון ניבול פה איז נאָר כדי אָפּצושרעקן און דערווייטערן מענטשן פון אַן עבירה, און עס איז נאָר געזאָגט געוואָרן פאַר דעם וואָס עס קען אים צוברענגען צו אַן עבירה, אָבער נישט פאַר דעם וואָס עס שאַדט אים נישט, זאָלסטו אים

ענטפערן: דאָס זענען בלויז פאַרפירערישע רייד פון יצר הרע, ווייל אין די רייד פון די חז״ל זעט אויס אַז די עיקר גזירה פון דעם אויבערשטן אויף אידן פאַרן חורבן איז נישט געווען צוליב עבודה זרה, גילוי עריות און שפיכות דמים, די דריי האַרבסטע עבירות, נאָר צוליב חנופה, לשון הרע, ניבול פה, מ׳האָט פאַראומרייניגט דאָס מויל, און פונקט ווי אַ אידיש קינד דאַרף זיין איידל, ריין און הייליג מיט זיינע געדאַנקען און מעשים, אַזוי דאַרף ער גלייכצייטיג זיין אויסגעאיידעלט מיט זיינע רייד. (זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אויב עס ברענגט נאָך צו איסורים, איז דאָס אַ דאָפּלטע עבירה).

**יב)** הגה״ק מהרצ״א מדינוב זצ״ל שרייבט: די סיבה פאַרוואָס מען רופט אויס אין הימל [דעם זיווג פון יעדן מענטש] יענעמ׳ס טאָכטער פאַר יענעם, און נישט סתם יענע מיידל פאַר יענעם בחור, ווייל די חז״ל זאָגן אַז עס איז נישט איידל און שיין אַרויסצוזאָגן אַ פרעמדע פרוי׳ס נאָמען (אגרא דכלה, לך).

**יג)** ערליכע אידן מדקדקים וועלן זיך נישט באַנוצן מיט׳ן אויסדרוק ״מיין פרוי״ אָדער ״מיין ווייב״, און אויך נישט ״דיין פרוי״, ״דיין ווייב״, נאָר דיין בעל הבית׳טע אָדער אידענע, רעביצין א. א. וו. (מקורו בשבת קיח: מעולם לא קראתי לאשתי אשתי).

**יד)** דער מענטש וואָס רעדט ניוול פה, איז מען אים מנדה אין הימל. פערציג (40) טעג נעמט מען נישט אָן זיין דאַווענען. (זוה״ק פקודי, דף קמ״ט, ראשית חכמה שער הקדושה פרק י״ב).

**טו)** די וועלכע רעדן ניוול פה ווערן ל״ע געשטראָפט מיט אומגעראָטענע קינדער עזי פנים, מורדין, פושעים (עיין נדרים כ: בני נידוי, ורמב״ם פכ״א מהלכות איסורי ביאה, ומהרש״א שם ד״ה וברותי).

**טז)** מען דאַרף געוואוינען די צונג צו רעדן איידל, אַפילו ווען מען רעדט פון אַ חיה אָדער בהמה, אפילו פון אַ נבילה. (חובת

הלבבות - שער הכנעה)

**יז)** מען דאַרף רעדן ריין און איידל אַפילו אויב מען מוז צוליב דעם רעדן מער (עיין פסחים ג. שערי תשובה לרבינו יונה שער ג׳, ראשית חכמה שער הקדושה פרק י״ב), ווייל דאָס איז אַ צוים אַז מען זאָל נישט צוקומען צו מיאוס׳ע רייד (ר״י שם).

**די** חז״ל זאָגן נאָך מער, אַז אַ מענטש זאָל רעדן מיט אַ בכבוד׳יגע שפּראַך, און נישט דעם אַנדערן וועג, אפילו אויב עס איז נישט מיאוס. (שע״ת שם).

**יח)** מען דאַרף זייער שטאַרק אַכטונג געבן נישט אַרויסצורעדן מיאוס, אַפילו ווען מען מאַכט בלויז אַ ווערטל (ספר היראה להר״י, דף כו:). און אַפילו אויב מען זאָגט דאָס וואָרט פאַר אַ תועלת, כדי צו לערנען אַז מ׳זאָל דעם וואָרט נישט זאָגן, זאָל מען עס נישט אַרויסברענגען אויפ׳ן מויל ווייל עס איז פוגם דעם דיבור, נאָר עס אַראָפּשרייבן אויף פּאַפּיר (לשון הזהב, סימן ה׳ אות א׳).

**יט)** דער וואָס איז באַשעפטיגט מיט תורה און רעדט נישט קיין דברים בטלים מיט ניבול פה, ווייזט מען אים מדריגות פון לערנען ביז רוח הקודש ביינאַכט ביים שלאָפן. (קונטרס תקנת השבים לערוה״ב פ״א ט׳).

**כ)** דער וואָס רעדט ניבול פה איז מען אים מטמא פון הימל. ער ווערט פאַרמשפּט צו אייביגן טויט רח״ל. זיין תפילה ווערט פערציג טעג נישט געהערט, און מלאכים זענען אים מנדה (עבודת הקודש דפו״ש יא. קע״ח).

**כא)** אַ געזאַנג פון ניבול פה טיילט אָפּ די נשמה פון צרור החיים און מען איז עובר אַן איסור פון די תורה. (אור צדיקים כד, לט, עשה של ודברת בם).

**כב)** מען טאָר נישט זאָגן די אידישע שפּראַך פון וואָרט צואה (שם אות נ׳).

**כג)** מען דאַרף זיך דערוויטערן אַפילו פון דעם קלענסטן ליצנות ווייל מען האָט נישט קיין הנאה דערפון און ווייל די שטראָף איז גרויס אַז מען איז נישט זוכה צו זען די שכינה הקדושה. (שם סג.)

**כד)** עס איז אַ גרויסע עבירה אויב אַ מענטש זאָגט אויף זיך אויב ער וועט טוהן אַזוי און אַזוי דעמאָלט איז ער אַ ממזר, אָדער אַ כלב, אָדער אַן עוכר ישראל ח"ו. (שם קט"ו)

**כה)** דער חיד"א שרייבט: פיר כתות ווען נישט מקבל פנים זיין די שכינה הק', ליגנערס, חנפים, לצים, און די וואָס רעדן לשון הרע. אַ ביטערער ווייטאָג איז פאַר'ן מענטש וואָס קומט אויף דער וועלט זוכה צו זיין דורך זיין תורה און מצוות צו קענען זען די שכינה הקדושה, ווי אַזוי קען מען נאָכדעם טוהן דאָס פאַרקערטע ח"ו. (עבודת הקודש, מורה באצבע, סימן שי"ט).

**כו)** געווענליך איז ניוול פה געמישט מיט ליצנות, נעמט אויף זיך דער רעדנער א דאָפּלטע עבירה און שטראָף רח"ל.

**כז)** עס זענען דאָ מענטשן וואָס רעדן ניוול פה, זאָגנדיג דערביי השי"ת זאָל אונז נישט רעכענען דערפאַר, און זיי מיינען אַז השי"ת איז זיי מוחל דערפאַר. פונקט פאַרקערט, השי"ת איז זיי נישט מוחל, ווייל זיי זוכן אים צו ווידערשפעניגן. (ספר חסידים, קנ"א), און זיי זענען נאָך ערגער, ווייל זיי געדענקען בשעת מעשה אַז זיי טוען אַ זאַך וואָס איז נישט ריכטיג צו טוהן, דאָס הייסט אַ מזיד, און אַז השי"ת הערט וואָס ער רעדט, ד. מ. ווידערשפעניגט דעם קייזער ביי אים אין פּאַלאַץ (שם דבר פ"ב).

**כח)** די משנה זאָגט (אבות פרק ג' משנה י"ז) אַז שחוק (שטיפעריי און געלעכטער) ברענגט צו עבירה.

**דער** מהרי"ל שרייבט אַז לאַכן אויפ'ן קול הויך געהערט צום איסור פון ליצנות, וואָס דורך דעם איז מען נישט זוכה מקבל פנים צו זיין די שכינה (יוסף אומץ - תתצא). דאָס איז אויסער דעם וואָס מען

דאַרף טרויערן אויפ'ן בית המקדש וואָס איז חרוב געוואָרן. (וכמבואר בשו"ע או"ח תק"ס, ובגוף הדין ותנאיה הארכתי במקום אחר ואכמ"ל).

**כט)** דער הייליגער חתם סופר זצ"ל שרייבט אז דעריבער זינגט מען נישט אין בית המדרש ביים דאַווענען אויך מיט מוזיק צוליב חורבן בית המקדש (ליקוטי שו"ת חת"ס שבסוף ח"ג סי' פ"ו).

❖❖❖

## צוויי וואונדערליכע זאַכען

**ל)** עס שטייט פון האר"י הקדוש אַז די רייד פון מענטש זענען באַשטימט פון הימעל מיט אַ פונקטליכען חשבון, און דער וועלכער רעדט איבריג און אַודאי ניבול פה, מיאוסע רייד, טוט עס אים אָפּקירצען דאָס לעבן, און אויב אים איז באַשערט צו לעבן וועט ער אַ צייט פון לעבן נישט קענען רעדן (וואָס מ'רופט אָלצהיימערס אָדער פאַרקאַלעכט) אָדער ער וועט זיין קראַנק און ליגן אויף אַ רעספּערייטער, אָדער פשוט שוואַך צו קענען רעדן און דאָס מיינט שלמה המלך ע"ה "אל תתן את פיך לחטיא את בשרך", זאָלסט נישט ברענגען דערצו אַז דיין מויל זאָל שעדיגען דיין געזונטהייט (עי' דפ"ק מל"ת לא תרצח בשם הגה"ק מרימנוב זצ"ל, ובהק' למהרח"ו ז"ל, מובא במדבר קדמות מע' צ' סי' כ"א להחיד"א, ובס' דרך אמנה להר"ש דוויק הכהן או ג').

**לא)** דער חפץ חיים זצ"ל שרייבט (זכור למרים פ"ז) דער וועלכער רעדט אָדער הערט ניבול פה, נאָך זיין שטאַרבן אויב לויט זיינע מעשים וועט ער זוכה זיין צו גן עדן (נאָכ'ן אָפּקומען די ביטער שווערע שטראָף פאַר ניבול פה) וועט ער אָבער זיצען אין גן-עדן ווי אַ שטומער גולם - נישט הערן און נישט רעדן. ווי צו די אומענדליכע בושה אַפילו איין טאָג, כל שכן בקביעות.

## ניבול פה

**עס** איז כדאי צו וויסן אַ מורא׳דיגע מעשה וואָס האָט פּאַסירט אין די צייטען פון דעם בעל פלא יועץ און ער אַליינס פאַרציילט עס (עיין נבלות הפה):

**עס** איז געווען אַ מעשה אין אונזערע צייטן ביי אַ מאַן וואָס איז געווען אַ בדחן און פלעגט ביי די פאַרשידענע שמחות ווי ער האָט פריילעך געמאַכט רעדן ניבול פה, מיאוסע רייד, וואָס האָט געמאַכט פריילעך און לעבעדיג די פּראָסטע מענטשן. ווען עס איז געקומען די צייט ער זאָל גיין פון דער וועלט איז ער געווען שטאַרק קראַנק און געוואָרען באַוואוסטלאָז עטלעכע טעג.

**פּלוצלונג** אין מיטען דער נאַכט עפענט ער אויף די אויגן און הייבט אָן שרייען ביטערליך מיט באַנומענע קולות: אוי געוואַלד, קיקט׳ס נאָר וואָס פּאַסירט דאָ, עטס זעהט דען נישט שוואַרצע מענטשען מיטווילדע פּנים׳ער און ריזיקע קענס אָנגעפילט מיט פייער גרייט אַריינצולייגן אין מויל, ווייל ער האט גערעדט ניבול פה. דערצו גרייט מען נאָך שווערע אייזערנע קייטען און נאָך שרעקליכע שטראָף פאַר די זינד.

**אַזוי** ווי די מעשה איז באַוואוסט געוואָרען אין שטאָט איז געוואָרן אַ צוזאַמענלויפעכץ פון מענטשן וועלכע זענען געקומען בייזואוינען דעם וואונדער און פאַר אַלע האָט ער דערציילט דאָס זעלבע מיט אַ ביטערן געוויין. און ווען ס׳איז אַריינגעקומען אַ מענטש וואָס האָט זיך געפירט ווי ער, פלעגט ער זאָגן די האָסט אויך געטוהן ווי איך זאָלסט וויסען אַז עס ערוואַרט דיך דאָס זעלבע ווי מיר!

**און** ווען עס פלעגט אַריינקומען פון די וועלכע פלעגן זיצן און הערן זיינע ליצנות און לאַכן, פלעגט ער זאָגן: געדענקסטו נאָך יענעם טאָג וואָס די האָסט מיך געהערט רעדן ניבול פה מיט ליצנות אין אַ צייט וואָס די וואָלסט געדאַרפט נעמען דיין שיך און האַקען דערמיט

אויף מיין פנים האָסטו געשוויגן און געלאַכט, מיט דיר וועט נאָך אויך פאַסירן די זעלבע ווי פאַר מיר!

**אַזוי** האָט ער געוויינט און געיאָמערט און דערציילט די פאַרשידענע שווערע שטראָף וועלכע מען גרייט צו פאַר אים. דאָס האָט זיך אַזוי געצויגן דריי טעג און דריי נעכט, ביז צום סוף האָט ער געעפנט דאָס מויל און געשריגען וואַרפטס אַריין דאָס פייער! וואַרפטס אַריין דאָס פייער! און אַזוי איז זיין נשמה אַרויס, און עס איז געווען אַ געוואַלדיגע התעוררות תשובה. פון דעם זעהט מען אַז דער וואָס הערט און שווייגט איז גאָרנישט בעסער פונעם זאָגער אַליינס. און מ׳זאָל וויסען אַז גויאישע ניגונים זענען אויך אין כלל פון ניבול פה. ביז דאָ זענען די ווערטער פון פלא יועץ זצ״ל.

**עס** איז כדאי צו וויסן אַז ווען מען הערט אַ בדחן רעדן ניבול פה זאָל מען נישט זיצן גלייכגילטיג נאָר מוחה זיין אָדער אַרויסגיין.

**אחריות** פון די מענער: מיר האָבען שוין אויפמערקזאַם געמאַכט אַז דערציילען מעשה׳לעך פון דעם און פון יענעם וועלכע זענען נישט איידעל איז אויך אין כלל פון ניבול פה צומאָל. עס איז אַ אָפטע ערשיינונג ווען פרויען טרעפען זיך שבת, בי חתונות, פאַרטיס א.אַ.וו. אַז עטליכע צווישען זיך דערציילען די ענינים. עס איז די אויפגאַבע און אחריות פון די מענער ווען די פרויען דערציילען איבער די זאַכן זיי אויפצוקלערן וואָס רח״ל מ׳קען ברענגען אויף אַלע שונאי ישראל מיט אַזעלכע שמיעסן.

❁ ❁ ❁

## קול באשה ערוה - פרויען זינגען

**א)** הערן זינגען פון די אייגענע פרוי מעג מען - אויסער ווען מען דאַוונט, ווען מען לייענט קריאת שמע, מען לערנט אָדער מען זאָגט אַנדערע הייליגע ווערטער (אבן העזר כ״א ב״ש אות ד׳, באה״ט

שם, באר שבע, שם, וכ״כ הפרישה ב, בשם מהרש״ל, טהרת ישראל כא, ה, רמ״א או״ח ע״ה ג׳). דאָס זעלבע ביים דאַווענען א.ד.ג. אויב זיין פרוי איז אויפגעדעקט וואו עס דאַרף זיין צוגעדעקט, טאָר מען נישט דאַווענען (או״ח ע״ה א, ואחרונים). מען טאָר אויך נישט הערן די אייגענע פרוי זינגען ווען מ׳לערנט אָדער אַפילו ווען מ׳איז מקיים אַ מצוה, אָדער מ׳טוט כאָטש וועלכע רוחניות׳דיגע זאַך (שו״ת חת״ס חו״מ בהשמטות סי׳ ק״צ).

ב) אפילו אויב מערערע פרויען זינגען צוזאַמען טאָר מען נישט צוהערן (סוטה מח. זמרא גברי וכו׳ ורש״י שם. ובשו״ת חת״ס שם מפורש דקי״ל כגמרא זו).

ג) מ׳טאָר נישט זיין אויף אַ פלאַץ וואו מ׳הערט פרויען זינגען, אפילו מ׳לייגט נישט צו דעם אויער און קאָפּ צו הערן זייער זינגען (שם).

ד) אַפילו מ׳איז אין אַ מצב וואו מ׳איז ווי געצוואונגען צו הערן זייער זינגען, זאָל מען ח״ו נישט צולייגן קאָפּ און אויער, ווייל דאָס איז אַ סאַך אַ גרעסערע זינד, אפילו אויב אַ סאַך פרויען זינגען צוזאַמען. (שם)

ה) הערן זינגען פון אַ קליין מיידל, אויב מ׳האָט נישט אינזינען הנאה צו האָבן דערופן מעג מען, פונדעסטוועגן אויב מ׳קען זאָל מען מחמיר זיין אויב עס ברענגט הרהורים רעים איז אייביג אסור[1].

ו) ביים דאַווענען און לערנען טאָר מען עפ״י הלכה נישט הערן זינגען פון אַ קליין מיידל, אויסער אַן אייגענע טאָכטער.[2]

1. (באר שבע קוני באמ״ח ג׳, דאסור לבתולה, אלמנה, נשואה להשמיע קול בזמירות של שבת ובשום דבר ושום זמן כ״ז שמסיבה עם שהיא ערוה עליו, והוא מצוה הבאה בעבירה אף כשכוונתה לשמים, וכ״נ בס״ח שי״ג, ובית משה כא, סק״א, פני מבין או״ח מב, באפי זוטרי סק״ח כ׳ דראוי להחמיר מטעם הרהור, אבל אינו דומה לנשואה שאסור מן הדין. ועי׳ אורות משה או״ח כו, דאף שיש להקל, מ״מ בלא צורך אין להתיר כלל כי המחמיר בדברים כאלו קדוש יאמר לו. במ״ב או״ח ע״ה יז, כ׳ דלהלכה שרי לשמוע מפנוי׳, מיהו לא יכוון ליהנות שלא יבא לידי הרהור, מיהו מס״ת שם משמע דבמקום דאיכא לחוש שמא יתגבר עליו יצרו ליהנות אסור לשמוע כלל, ע״ש. והשיעור בשנים הוא מבת ג׳, כ״נ בשלחן שלמה).

2. (פרישה בשם רש״ל, ובי״ש שם, נתיבות לשבת [להמקנה] סק״ד, חת״ס חו״מ השמטות סי׳ ק״צ, פמ״ג במש״ז סוסי׳ ע״ה ושלחן שלמה ע״ה ג׳, וכ״כ במ״ב.

**אָבער** אויב זי איז שוין עלף (11) יאָר אָדער עלטער, טאָר מען איר בכלל נישט הערן זינגען קיינמאָל אויסער אַ טאָכטער.[3]

**אויב** דאָס איז (להבדיל) אַ גוי״ש מיידל טאָר מען אַ גאַנצן טאָג אַפילו פון אַ קליינע נישט הערן זינגען (דדינה כאשת איש, כמבואר בפמ״ג ע״ה, א׳, מ״ב ע״ה יז, בית משה סק״א, ירחון אהל תורה תרצ״ב). אויב מען קען נישט העלפן מעג מען לערנען און דאַווענען אַפילו ווען די גוי׳טעס זינגען און זעלבסטפאַרשטענדליך נישט צולייגען קאָפּ צו זייער זינגען.[4]

**ז)** אַ פרעמדע פרוי וואָס האָט אַ מאַן (אשת איש), איז דאָס ערגסטע פון אַלע צו הערן איר זינגען. אפילו אויב זי זינגט זמירות פון שבת אָדער אַנדערע הייליגע זאַכן, טאָר מען נישט הערן. (אה״ע כ״א א, ומקורה בברכות כד. מ״א ע״ה ו, הגר״ז ו, ח״א כלל ד, ו). (ב״ש בקונטרס באמ״ח ג, יוסף אומץ (אשכנז) סימן תר״ב, חק יעקב תעט ו, יפל״ל ח״א או״ח ע״ה ג׳, ישרי לב אה״ע אות ק׳). אפילו אויב זי זאָגט ווערטער מיט אַ נוסח, טאָר מען נישט הערן. (עיין לעיל ענף ב׳ אות ד׳).

**אויב** ער קען זיך אנשטרענגען צו טראַכטן פון דאַווענען און נישט צוהערן דאָס זינגען, מעג ער ווייטער דאַווענען. (ב״י בשם הר״ר יונה סי׳ ע״ה, או״ת אות ה, הגר״ז ו). דער וואָס איז אונטערוועגס און איז אַן אונס, ער קען נישט שטערן דאָס זינגען, זאָל ער וועגן דעם נישט מבטל זיין פון דאַווענען אָדער פון תורה, נאָר ער זאָל זיך אָנשטרענגען אינזינען צו האָבן די זאַכן וואָס ער זאָגט, און נישט דאָס זינגען[5].

---

3. (עיין פמ״ג או״ח ע״ה משי״ז סוסק״ב דקול פנוי׳ נדה הוי בכלל ערוה, וכ״כ בשו״ת חת״ס חו״מ סימן קץ, ועי׳ בשו״ת פני מבין או״ח סימן מב דמה״ט קול פנוי׳ בזה״ז כמו באשת איש, וכ״כ במ״ב ע״ה יז, דמבת י״א יש להחמיר כבר כיון דיש רואות כבר בימים אלו.).

4. (ב״י סי׳ ע״ה בשם המרדכי מתיר שיר נכריות משום עת לעשות, וכ״כ בח״א כלל ד׳ ו, ומ״ב סי׳ ע״ה, וע״ע בהערות סוף אות ג).

5. (ב״י בשם רבינו יונה ברכות כד. עו״ת ה, גר״ז ו, קש״ע סי׳ ה׳ ט״ז, חזו״א סי׳ ט״ז יא, ע״ע לעיל מ״ש בהערות סוף אות ב, ותמצא שלענין שמיעה מנכריות מצינו היתר באונס שלא לבטל מתורה, קר״ש ותפלה, אבל ביהודית יתאמץ שלא לשמוע הזמר, כמ״ש כאן, כ״נ במ״ב

**ח)** פרויען טאָרן נישט זינגען אין ביהמ״ד (ווייבער שול) ווען מענער זענען אין ביהמ״ד אפילו אויב עס איז פאר אַ מצוה זאַך.[6]

**ט)** אויב מענער אָדער פרויען זינגען צוזאַמען [צום ביישפיל, פושעים אָדער גוים א.ד.ג.] טאָר מען אויך נישט הערן[7].

---

להמעיין שם, מיהו בחזו״א סימן ט״ז בסופו ג׳ דס״ל דהיתר אונס, וכן היתר שאינו משים לב, שניהם מהני לכל מיני עריות, וכ׳ שם שמה״ט מקילין להוכיח רבים בחוצות אף שישנם שם גם פרועות ראש, משום עת לעשות (דהיינו אונס), וגם סומכין על שאינו משים לבו, ושו״ת תורה לשמה סי׳ שצ״ד).

6. (שו״ת חת״ס חו״מ ק״צ, פני מבין סימן מ״ב, ועיין בספר אות ה, ו, וכ״מ בכלבו מ״ה הבאתיו לעיל לענין מגילה, וגם בעצי חיים או״ח ז, יוסף אומץ תר״ב, באר שבע שם, חק יעקב תע״ט ו, ועי׳ ישמח משה פ׳ בשלח עה״כ ותקח מרים הנביאה, דמה״ט לקחו תפים כדי שקולן לא ישמע לאנשים, ע״ש).

7. (בחתן סופר או״ח שער טהרת ידים סי׳ יד, עלה ונסתפק אם לאסור בכה״ג דאיכא למימר תרי קלא לא משתמע, וליכא למימר דמטעם איידי דחביבא יהיב דעתי׳ זה דוקא באם שמע כבר קול האשה איכא למימר איידי דחביבא, אבל כאן אדרבה אמרינן דתרי קלא לא משתמעי ולא הי״ל עת הכושר לחבב הקול להיות להוט אחרי׳ ע״ש.

מיהו בבאר יהודה על החרדים מל״ת מד״ק ומד״ס פ״ג כ׳ תרי טעמי לאסור, חדא דעיקר הטעם בתרי קלא דלא משתמעי ובזמר מזמרים בקול אחד וא״כ אסור, ועוד דלפמ״ש הב״ח או״ח תר״צ דיש אפשרות לתרי קלי לישתמע באם מכוונים ביותר וזה רק במקום חביבות, וכ״ה בזה ע״כ. [והטעם השני צ״ע דלא השיב כלום על טענת החתנ״ס דאין כאן חביבות עדיין, ובגוף הסברא ג״כ יש לתמוה למה ממרחק הביא לחמו, הי״ל לומר בפשטות דכיון דבמקום חביבות אפשר לשמוע שהרי כן אמרו רז״ל דאיידי דחביבא כו׳, וא״כ הכא ג״כ איכא טעם זה, וצ״ע].

מיהו מאד תמהני עליהם דבהדיא אמרינן בסוטה מ״ח זמרי גברא ועניין נשי פריצותא, ופירש״י קצת פריצות יש דקול באשה ערוה, אבל אין מבעיר יצרו כ״כ שאין המזמרים מטים אזנם לקול העונים, הרי דאף שהאנשים טרודים בזמרם, ואין מטין אזנם לעניית הנשים מ״מ הויא פריצותא וצריכן לבטלו לכתחילה. וכדאיתא שם ברש״י ד״ה לבטולי, ואע״ג דמיירי באנשים הרבה [דלשון גברי מורה כן] וא״כ כל איש טרוד בזמרו וגם שומע אנשים אחרים המזמרים, וגם הנשים ואפילו באופן שאין בדעתם לשמוע הזמר כדאיתא ברש״י, מ״מ איכא פריצותא וראוי לבטלו, כ״ש בגוונא שאין האיש השומע מזמר כלום רק עומד ושומע לאנשים ונשים המזמרים ובמכוון מטה אזנו לשמוע הזמר רק שתולין דאינו שומע הנשים פשיטא דפשיטא דאסור ואין לך פריצות גדול מזה.

ואין להתעקש דהפריצות דשם מטעם שמזמרין האנשים ונשים בחצר אחד, שהרי בהדיא כתב רש״י שם דטעם הפריצות משום קול באשה ערוה, ועי״ע בשו״ת חת״ס חו״מ ק״צ בזה.

ועוד הלא מבואר בסוטה שם דשמיעת הרבה נשים הו״ל קול באשה ערוה אע״ג דתרי קלי ויותר הן ואין מכיר שום קול של אשה בפני עצמה, ע״ל.

ומ״ש בחתן סופר שם דלא שייך לומר איידי דחביבא לי׳ קול אשה יהיב דעתי׳, בשלא שמע קולה עדיין, צ״ע דהרי קי״ל גזל ועריות נפשו של אדם מחמדתן, ובודאי נאמר גם בזה איידי דחביבא לי׳, וצ״ע).

8. (בשו״ת פרי השדה ח״ג ל״ב אוסר בגרמפון, כ״ש ראדי״א ששומעין שירי עגבים ופריצות, וכן בשו״ת חלקת יעקב ח״א קס״ג אוסר, ובשו״ת בית שערים או״ח ל״ג כותב לענין גרמפון דמכוער הדבר ובעל נפש יזהר מזה, כ״ש בראדי״א שגרע הרבה יותר בשמיעת שירי פריצים ופריצות יחדיו דעליה אמרו חז״ל זמרי נשי ועניין גברא כאש בנעורת, לא עלה על לבו אפילו להתיר, ועיין אוצר הפוסקים סי׳ כא סק״כ בשם ספר אהל משה ח״א סימן לב, וכן

**י)** פרויען זאָלן אויך נישט הערן מענער און פרויען זינגען צוזאַמען (עיין בסמוך בהערות לאות ז').

**יא)** מען טאָר נישט הערן פרויען זינגען פון אַ ראַדי"אָ.[8]

**יב)** פרויען טאָרן אויך נישט הערן דאָס זינגען פון ראַדי"אָ[9]. דאָס לאָזן הערן גוי'שע לידער וועלכע ווערן געמאַכט לשם פריצות וזוהמא פאַרמאָגן אַן אומגעהויער שטאַרקן כח הטומאה אַז אַפילו אַ איד זינגט עס שאַדט עס, כל שכן אַ גוי'טע פון די נידעריגסטע ברואים דרינגט עס אַריין ביז די טיפעניש פון די נשמה און עס לאָזט איבער דאָרט אַ שווערן רושם וועלכער האַקט איבער די כחות הקדושה. פונקט ווי ווען מ'זינגט הייליגע ניגונים שפירט יעדער ווי דאָס הייבט אויף דעם מענטש און רירט אָן די סטרונעס פון די נשמה, דאָס זעלבע ביי דעם להבדיל דאָס פאַרקערטע. (עי' היטב שעה"צ תק"ס וברש"י חגיגה אצל אחר, וכ"כ של"ה מס' ד"א, ותיד"א בעבה"ק. וכן אמר הגה"ק בעל אמרי פנחס מקאריץ זי"ע, והגה"ק מסקולען זי"ע). און עס ווערט דורכדעם באשאפען א רוח רעה (שבט מוסר פכ"ד)

---

מספר ברכת חיים סימן כא, ששניהם אוסרים, ע"ש. וע"ע בתשובה הנדפסת להגה"צ מקאשוי שליט"א בשו"ת ברכות שמים שיצא בכחא דאיסורא לאסור באיסור גמור והחלט שמיעת קול זמר מראדי"א, והאריך בדברות קדשו מלהבות אש בגודל החורבן הנצמח מכלי זה להרוס לעקור ולשרש כל זיק קדושה מבית ישראל, ע"ש ויונעם לך. וכל המעיין בסוטה מ"ח וברש"י וחת"ס חו"מ השמטות סי' ק"צ יראה דאפילו נשים הרבה שאין שומע קול מיוחד ואפילו אין מכירן ואפילו אין מטה אזניו לשמוע, ואפילו הניגון כשר בתכלית, כ"ש בראדי"א שיש קול אחד ומטין אוזן לשמוע, וניגון של פריצות וגירוי יצה"ר דוודאי אסור. וכבר כתבנו לעיל דשירי פריצות ושל עכו"ם מנתקין הנשמה משורש הקדושה.

9. (הדברים פשוטים לכל מוצאי דעת דאסור מכמה טעמים, א) משום שמיעת כלי שיר שנאסר בסימן תק"ס, ב) דשומעין דברי חשק ועגבות ואסור כדאי' באו"ח סי' ש"ז אפילו בקריאה, כ"ש בשמיעה, ואין חילוק באיסורו בין אנשים לנשים כמ"ש ביפה ללב ח"ה אה"ע סי' כא, אות א, דגם האשה צריכה להתרחק כו', וכבר ביארנו במקום אחר מפי הפוסקים דגירוי יצה"ר אסור לנשים כמו אנשים לכו"ע דבל"ת שניהם שוין, ועי' היטב מ"ב בשעה"צ תק"ס כ"ה דאסור לאשה לשיר שירי עגבים משום גירוי יצה"ר. ג) מטעם ששומעין אנשים ונשים יחד ואסור גם לנשים כמ"ש ביפל"ל שם דגם נשים צריכות להתרחק מאנשים, ועוד שהרי השל"ה אות קדושה, וראשית חכמה שער הקדושה פי"ב כתבו שלא לשיר שירי עגבים לתינוק המוטל בעריסה דמוליד לתינוק טבע רע, והדברים ק"ו דאפילו תינוק שאין בו דעת להשכיל כוונת השיר - כך, ק"ו לנשים, ועוד).

## נאך עטליכע וויכטיגע דינים ביים רעדן מיט א פרוי

**א)** ביי די אַלע אויבנדערמאנטע און ווייטער דערמאנטע אופנים וואָס מ'טאָר נישט הערן פון אַ פרוי, ליגט די אחריות פון אויספאָלגן דעם דין סיי אויף די מענער, סיי אויף די פרויען, און אפילו וואו דער מאַן איז גלייכגילטיג, באַרעכטיגט דאָס נישט פאַר די פרוי דאָס צו טוהן. צום ביישפיל, מיידלעך זינגען אין זייער שול (סקול), מ'הערט דאָס אין דרויסן, נאָר דאָרט וואו עס איז דער שטח פון סקול און קיין שום מאַן איז נישט באַרעכטיגט דאָרט צו שטיין אָדער גיין און שטערן זייער סדר, פונדעסטוועגן אויב אַ מאַן אָדער מענער זענען יאָ דאָרט, טאָר מען נישט זינגען, ווייל סוף-סוף אויב יענער טוט נישט ריכטיג טאָר מען נאָך אַלץ נישט יענעם מכשיל זיין, ווייל אויב מ'קען אָפּהאַלטן אַ מענטש אַפילו פון יענעם עק וועלט נישט צו זינדיגן, מוז מען עס טוען, און אַוודאי אַז מ'טאָר נישט זיין דער גורם זיי מכשיל צו זיין.[12]

**ב)** אַ מאַן טאָר נישט רעדן מיט אַ פריינטליכקייט צו אַ פרעמדע פרוי אָדער מיידל. דאָס זעלבע טאָר אַ פרוי נישט רעדן צו אַ מאַן. אַפילו ווען אַ מאַן רעדט פריינטליך און שמייכלענדיג צו אַ פרוי, זאָל זי נישט רעדן אַזוי, נאָר ערנסט. פריינטליכע רייד פון אַ פרוי זענען אסור פונקט אַזוי ווי הערן איר זינגען. (המקור להלן אות ט"ו)

**ג)** זאָגן "אַ גוטן טאָג" אָדער גוט מאָרגן א. א. וו. איז עפ"י הלכה אסור, סיי אַ מאַן צו אַ פרוי אָדער פאַרקערט. פונדעסטוועגן זאָגן די ספרים אַ לימוד זכות אויב דער סדר גייט אַזוי, צום ביישפיל מען הייבט אָן אַזוי אַ שמועס אויפ'ן טעלעפאָן אָדער ביים אָראָפּלייגן, אָדער ביים אָנקלאַפּן צו יענעם אין שטוב אָדער ביים אַרויסגיין. דאָס זעלבע מיט מזל טוב זאָגן, און דאָס אַלעס בתנאי אַז מען רעדט ערנסט, נישט פריינטליך.

12. עיין רמב"ם ה' תשובה רפ"ד ואו"ח תר"ח ופמ"ג שם פ"ח ס"י ה', ועי' יפל"ל אה"ע ח"ד סי' כ"א דחובת התרחקות גם לנשים נאמרה שיתרחקו מאד מאד מאנשים.

**יג)** ווערטער וואָס מען זאָגט מיט אַ נוסח (אַ שטיקעלע געזאַנג) אַזוי ווי מגילה לייענען איז אויך אסור צו הערן פון אַ פרוי, פונקט אַזוי ווי זינגען (כלבו סי' מ"ה, חק יעקב תע"ט ו, שו"ת חזון למועד סימן ה, עצי חיים או"ח סימן ז, וכ"ה במט"א דיני קדיש יתום סעיף ח, באלף למטה שם, ושו"ת דברי יואל).

**יד)** די פוסקים שרייבן, עס איז ראוי (פּאַסענד) פאַר יעדע ערליכע כשר'ע פרוי, סיי אַ מיידל, סיי אַ פרוי, סיי אַן אלמנה, אויב זי איז נעבן אַ מאַן וואָס קען הערן איר שטימע, זאָל איר שטימע נישט געהערט ווערן, בפרט בשעת קריאת שמע און דאַווענען[10].

**טו)** אַפילו דאָס רעדן פון אַ פרוי אויפן ראַדי"אָ טאָר מען אויך נישט הערן [מכמה טעמים].[11]

**טז)** אפילו דער וואָס רעדט זיך איין אַז ער הערט בלויז די נייעס [וואָס איז עפ"י רוב אַ גוזמא] טאָר נישט פאַרגעסן אַז ווען ער איז נישט אין שטוב, בפרט אויב מען לאָזט איבער די קינדער אַליין, קענען זיי הערן אַלעס. דערצו ווערט דאָס קינד ערצויגן מיטן וויסן אַז אַ ראַדי"אָ איז נישט קיין פעלער, וואָס דאָס אַליין איז אַ גרויסער פעלער, ווייל קיינער קען דאָס נישט פאַרדיכערן אויב ער וועט אויך נישט הערן נאָר די נייעס, ווייל די דורות פאַלן און אויסער דעם געלונגען נישט די קינדער אייביג פונקט ווי אַזוי מ'וויל.

---

10. (א"ר סימן ע"ה אות ה', של"ה מערכת צניעות, דרך פקודיך ל"ת ל"ה לחוש לראשונים דאסרו קול פשוט, טהרת ישראל כא, ה, כה"ח ע"ה, בית ברוך על ח"א כלל ד, מיהו נפלאתי על הא"ר ואחרונים הנ"ל שהעתיקו דבריו, שהרי הא"ר העתיק הלכה זו בשמו של באר שבע - בקונטרס באמ"ח ג, והמעיין במקור הדברים ימצא שלא כתב הב"ש כן אלא לאסור שירה וקול זמרה ולא דיבור פשוט, כן יוצא מפורש בדבה"ק, ופלא שלא מצאתי אף אחד שיעיר בזה, אלא דמ"מ הדין דין אמת שכ"כ השל"ה ודפ"ק הנ"ל, וצ"ע).

11. א) דשומעין דברי ליצנות הנאסר בסימן ש"ז סט"ז. ב) שומעין כפירה ומינות הרבה, בפרט באידיש. ג) עושין כל מיני שחוק ובאין לידי גיחוך הנאסר בסימן תק"ס. ד) שומעין דברי פריצות לפעמים ושיחת אנשים עם נשים המביא לידי הרהור. ה) בתוך הדברים שומעין שירים שונים ומגונים, בפרט שירי חשק ועוד).

אָבער דאָרט וואו עס איז נישט דער אַלגעמיינער סדר טאָר מען נישט. און אַוודאי טאָר מען זיך נישט אַראָפּשטעלן פרעגן וואָס טוט איר, ווי אַזוי גייט עס[13].

פונדעסטוועגן דאַך, דער וואָס איז ביי די זאַכן וועלכע האָבן אַ שטיקל היתר מחמיר, ברענגט דאָס קדושה[14].

**ד)** דער מאַן וועלכער פילט ביי זיך אַז עס ברענגט אים אַ נאָענטקייט, אָדער אַ סאָרט הנאה, איז קיינמאָל נישט באַרעכטיגט[15].

**ה)** דאָס זעלבע דער וועלכער ווייסט אַז דורך זיין בלויזן גריסן וועט זיך די אידענע אַראָפּשטעלן שמועסן, זאָל ער זיך אָפּהאַלטן. (המקורות באות ג׳ הנ״ל).

**ו)** אַ תלמיד חכם זאָל זיך נישט אָפּשטעלן אין מיטען גאַס רעדן אַפילו מיט זיין אייגענע פרוי אָדער שוועסטער אָדער טאָכטער (ברכות מג: רמב״ם הל׳ דעות פ״ה ה״ז)

**ז)** אַ פרוי טאָר אויך נישט באַגריסן אַ מאַן נאָר אויף די אויבנדערמאנטע אומשטענדן, און ערנסט, נישט פריינטליך אָדער שמייכעלדיג. (שם).

**ח)** ווען מ׳רעדט צו אַ פרוי זאָל מען נאָר רעדן צום ענין, נישט פאַרקריכן צו סתם שמועסן, און ערנסט, און אויך נישט אינזינען האָבן הנאה צו האָבן פון דעם געשפרעך (כנ״ל אות כ׳ וחכ״א כלל צ׳ סעיף ה׳) און זעלבסטפאַרשטענדליך אַכטונג געבן נישט צו קוקן וואָס דאָס איז אַן איסור גמור. (אה״ע סימן כ״א ס״א).

**ד׳** חז״ל זאָגן אין פרקי אבות אַז מ׳זאָל נישט רעדן איבעריגע רייד צו פרויען, אפילו כשר׳ע און צניעות׳דיגע, ווייל עס ברענגט צו

---

13. (אה״ע כ״א ס״ו ומקורו קידושין ע: וברש״י, באה״ט אה״ע כ״א סק״ד בשם הרשב״א, וע״ש ברכות כד. מהרש״א ב״מ פז. ישועות יעקב או״ח ע״ה סק״ד, מר״ם אה״ע סי׳ נ״ג, ערוה״ש סי׳ כ״א ס״ח, עזר מקודש שם. ועי׳ היטב בספר החינוך מצוה קפ״ח).

14. מהר״ם שי״ק שם אחר ההיתרים.

15. עי׳ מהר״ם שי״ק וש״פ שם, ובספר החינוך מצוה קפ״ח.

איסורים און עס געט אַ געלעגנהייט פאַרן יצר הרע זיך אנצוקלעבן אין אים[16].

**ט)** ווען פרויען זיצן אין זעלבן שטוב ווי מענער אָדער אין איין קאַר אָדער ווען, דאַרפן זיי אַכטונג געבן נישט צו רעדן ענינים וואָס מענער דאַרפן נישט הערן. אויב איין פרוי איז דער עיקר רעדנער און מ׳הערט איר די גאַנצע צייט, זי דערציילט פאַרשידענע מעשיות א.א.וו. איז דאָס לויט טייל פוסקים אַן איסור פונקט ווי הערן זינגען, אפילו מ׳רעדט וועלטליכע זאַכן.

**צניעות׳דיגע** פרויען וועלן שטענדיג רעדן שטיל אין דער געגנווארט פון מענער, ווייל לויט טייל פוסקים איז ראוי פאר יעדע ערליכע כשר׳ע פרוי אדער מיידל אַזוי צו טוהן. (עיין לעיל אות י״א המקורות)[17].

**י)** רעדן מיט אַ גרויס געלעכטער אין די געגנוואַרט פון מענער איז אויך נישט צניעות׳דיג און אסור להלכה[18].

**יא)** ווען מ׳נעמט אַריין אַ גאַסט אַ פרוי זאָלן די פרויען זיך מטפל זיין איר מקרב צו זיין. די מענער זאָלן נאָר האָבן אַ שייכות וויפיל מ׳מוז[19].

**יב)** ווען אַ מאַן קלאַפּט אין טיר נאָך אַ בקשה אָדער צדקה, זאָל צוגיין אַ מאַן, און אַ פרוי צו אַ פרוי. אויב עס איז נישטאָ קיין ברירה זאָל עס זיין נאָר בקיצור צו די זאַך[20].

**יג)** ביי די אַרבעט אָדער געשעפטן (סטאָ״ר) דאַרף מען אויך געוואָרענט זיין די פרויען זאָלן זיין דערווייטערט פון די מענער

16. אבות פ״א מ״ה בפי׳ הרר״י, רבינו בחיי, ומאירי.

17. עיין באה״ח שנה א׳ פ׳ בא אות ג׳, שלמת חיים סימן ע״ג, שו״ת דברי יואל סימן צ״ט אוסר אפילו הספד כ״ש עניני שחוק ופטפוטי מילי בעלמא.

18. אסור כמו שמיעת דרשת נשים וק״ו משם כמובן לכל בר דעת ומקור איסור לדרשות לעיל אות ט׳ ואם אסרו לשמוע אפילו הספד כ״ש בזה.

19. פי׳ הר״י מטאלעדא אבות פ״א מ״ה

20. הר״ד הנגיד בן ר׳ אברהם בן הרמב״ם אבות שם

מיט'ן רעדן און שייכות איינער צום צווייטן.

**יד)** טייל פרויען ווייסן נישט אַז אַפילו מיט פרייע אידן אָדער גויים טאָר מען אויך נישט רעדן פריינטליך אָדער איבריג, און עס איז מיט געוויסע זאַכן ערגער ווי מיט ערליכע אידן. דער חיוב וואָס דער שולחן ערוך האָט געגעבן אַז מענער זאָלן זיך זייער דערווייטערן פון פרויען, איז אויך גילטיג ביי פרויען אַז זיי זאָלן זיך זייער דערווייטערן פון מענער, און טייל ספרים שרייבן אַז זייער חוב איז נאָך גרעסער[21].

**טו)** פרויען וועלכע מוזן אָנקומען צו אַ דאָקטאָר, טעקסי (קאַר סערוויס), זאָלן אַכטונג געבן זיך נישט צו לאָזן אַריינשלעפּן אין היימישע שמועסן, איבעריגע רייד, און אַוודאי נישט זיין פריינטליך און נאָענט. די זאַכן האָבן שוין גורם געווען גרויסע חורבנות ביי אידישע שטיבער. זעלבסטפאַרשטענדליך אַז פון איסור יחוד דאַרף מען זייער אַכטונג געבן און נישט מוותר זיין צוליב בושה אָדער רעספּעקט פאַרן דאָקטאָר.

❁ ❁ ❁

**טז)** אַ כלל וואָס איז וויכטיג שטענדיג צו געדענקען: די אַלע זאַכן וואָס אַ מאַן אָדער פרוי טאָרן נישט טוהן צוליב גדר פון קדושה, אויב מ'האָט עובר געווען, אַפילו אויב עס איז נישט אַרויסגעקומען קיין שום מכשול, פונדעסטוועגן דאָך האָט מען עובר געווען אַן איסור תורה אָדער דרבנן וואָס מען דאַרף תשובה טוהן דערויף[22].

21. עיין אה"ע סי' כ"א סעיף א' ובספר יפל"ל ח"ד אה"ע סימן כ"א סעיף א' דגם נשים צריכין להתרחק. ובספר אפי זוטרא סק"א דחובת התרחקות הוא עד קצה האחרון. ובישמח משה פרשת שמות עה"כ ולא עשו כאשר דיבר ביאר דנשים דעתן קלות ובלי זכות גדול טבען להתפתות, ואפילו נשים כשרות.

22. עיין כזה בדרושי הצל"ח דרוש א' אות י"א, דרך פקודיך ל"ת ל"ה, ותוה"ש יורה דעה סימן קפ"ד וש"א שם.